# עלי ההגהה

## דשיחת
## ש"פ נח, ו' מרחשון ה'תשמ"ז

**תשורה**

משמחת ה„אפשערעניש" של

**ירחמיאל שי' שיינגארטן**

אור לב' מרחשון ה'תשפ"ז

ב"ה

# פתח דבר

לרגל שמחת ה„אפשערניש" של בננו היקר **ירחמיאל** שי', הננו לכבד את ידידינו שי' הנוטלים חלק בשמחתנו, בתשורה זו.

*

עומדים אנו בשנה המציינת **יובל ארבעים שנה** לשנת תשמ"ז, בה ב**יום הבהיר ה' טבת** „דידן – דנשיא דורנו – נצח."

חודשים אלו, של מחציתה הראשון של השנה, אף תואמים לקביעות דשנת תשמ"ז.

בהתאם להאמור, קיבלו על עצמם רבים מהתמימים ואנ"ש שי' קביעות לימוד במאמרים ובשיחות שזכינו לשמוע מהרבי בשנת תשמ"ז, ומספרם הולך ומוסיף.

בתשורה זו מתפרסמים עלי-הגהה ד**שיחת ש"פ נח, ו' מרחשון, תשמ"ז** (השיחה שהוגהה באידיש).

יצויין: א) לפנינו הגהה ראשונה של השיחה. חסרים לע"ע צילומי ההערות, וצילומי הגהה שני' של השיחה; ב) בכ"מ הפיענוח הוא משוער, ותן לחכם ויחכם עוד.

*

יהי רצון, שבמהרה נזכה זעהן זיך מיטן רבי'ן והוא יגאלנו, תיכף ומיד ממש!

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד**

משפחת שיינגארטן

ל' תשרי, אדר"ח מרחשון, ה'תשפ"ז
פנמה סיטי פנמה

בס"ד. משיחות ש"פ נח, ו' מרחשון ה'תשמ"ז.

א. היינטיקער שבת איז ששה בחשון[1] – דער טאג אין וועלכן עס האט זיך פארענדיקט דער אומקערן זיך פון דער עלי' לרגל פון חג הסוכות, ווען יעדערער (אויך דער "אחרון שבישראל") האט זיך אומגעקערט צו זיך א היים און צום געוויינטלעכן סאג טעגלעכן לעבן.

ווי פארשטאנדיק דערפון וואס די משנה זאגט[2], אראפגעבראכט להלכה בשו"ע[3], אז שאילת הגשמים (בארץ ישראל) הויבט זיך אן פון שבעה בחשון ("מליל ז' במרחשון"), "ט"ו יום אחר הרגל כדי שיגיע אחרון שבישראל לנהר פרת", "ולא יעצרנו הגשם"[4].

היות אז מ'האט אנגעהויבן שאילת גשמים ב"ליל ז' במרחשון", איז מובן אז דער "אחרון שבישראל" הגיע לביתו בששה בחשון (ווארום אויב הגיע לביתו ערשט בשבעה בחשון, קען מען דאך ניט אנהויבן שאילת הגשמים בליל ז' חשון, ווייל דאס קען דאך גלייך ברענגען גשמים וועלכע וועלן שטערן דעם "אחרון שבישראל" וואס איז נאך בדרך).

קומט אויס, אז היינטיק~~ער טאג~~ – ששה בחשון – איז דער סיום התקופה פון עלי' לרגל בחודש תשרי (בחג הסוכות), בלשון הש"ך[5], אז כל זמן וואס אידן זיינען געווען בדרך מעלי' לרגל (אפילו אויב זיי זיינען אוועק פון ירושלים למחרת שמע"צ) און ניט אנגעקומען לביתם "הי' דומה להם כאילו הם עדיין בא"י עסוקים בעניני הרגל"[6] (ווארום במקום שמחשבתו של אדם שם הוא נמצא[7]); און התחלת התקופה פון עבודת כל בני ישראל כל אחד בביתו ובמקומו, "איש תחת גפנו ותחת תאנתו"[8], בארץ ישראל אדער בחוץ לארץ[9], צו מאכן א דירה לו ית' בתחתונים[10].

ב. כשם ווי אלע ענינים פארבונדן מיט דעם ביהמ"ק זיינען גאנץ (ברוחניות) אויך איצטער, בזמן הגלות ובחוץ לארץ – אזוי אויך דער ענין האמור בנוגע צו ששה בחשון (אז דעמולט האט זיך פארענדיקט די תקופה פון עלי' לרגל, און ~~הויבט זיך~~ אן די עבודה כל אחד במקומו) איז קיים אויך איצטער בזמן הגלות ובחוץ לארץ.

ובמכ"ש וק"ו: מה-דאך אז "ונשלמה פרים שפתינו"[11] אפילו בנוגע צו הקרבת הקרבנות[12] וואס זיינען אסור בזמן הזה, עאכו"כ אז דער ענין פון ששה ושבעה בחשון איז קיים אויך איצטער – ווארום אויך בזמן הזה איז די הלכה והנהגה במעשה בפועל אז מ'איז שואל גשמים בארץ ישראל אנהויבנדיק פון שבעה בחשון (צוליב דעם טעם "כדי שיגיע אחרון שבישראל לנהר פרת"), און אויך "לאחר החורבן היו מתאספים ג"כ מכל החביבות בירושלים לרגל, כמו שעושין גם

. . - ששה בחשון - איז *[סימן בכוכבית להתחיל פיסקא:]* * **א)** דער סיום התקופה פון עליי לרגל בחודש תשרי . .

. . און *[סימן בכוכבית להתחיל פיסקא:]* * **ב)** התחלת התקופה פון עבודת כל בני ישראל כל אחד בביתו ובמקומו . .

כל אחד במקומו) איז קיים אויך איצטער בזמן הגלות ובחוץ לארץ.

ובמכ"ש וק"ו: מה-דאך אז "ונשלמה פרים שפתינו"[11] אפילו בנוגע צו הקרבת הקרבנות[12] וואס זיינען אסור בזמן הזה, עאכו"כ אז דער ענין פון ששה ושבעה בחשון איז קיים אויך איצטער – ווארום אויך בזמן הזה איז די הלכה והנהגה במעשה בפועל אז מ'איז שואל גשמים בארץ ישראל אנהויבנדיק פון שבעה בחשון (צוליב דעם טעם "כדי שיגיע אחרון שבישראל לנהר פרת"), און אויך "לאחר החורבן היו מתאספים ג"כ מכל הסביבות בירושלים לרגל, כמו שעושין גם היום"[13].

ביז אז דאס איז אויך נוגע בזמן הזה אין חוץ לארץ – ווי דער דין איז[14], אז אויב מ'האט געשריבן אין א שטר "אחר הרגל", איז די כוונה בזה – "ט"ו יום אחר הרגל", ווייל ביז דאן איז נאך "כאילו..עסוקים בעניני הרגל".

דאס הייסט, אז אויך בזמן הזה ובחוץ לארץ איז ששה בחשון דער סיום התקופה פון די עבודה בחודש תשרי (ובמיוחד בחג הסוכות) און התחלת התקופה פון די עבודה בעולם.

ג. עפ"ז איז פארשטאנדיק, אז דער תכלית השלימות פון "ויעקב הלך לדרכו"[15] – ווען א איד גייט ארויס פון חודש תשרי בכדי מקיים זיין שליחותו בעולם – הויבט זיך אן (בעיקר) נאך ששה בחשון, ווען יעדער איד (אפילו דער "אחרון שבישראל") איז שוין אנגעקומען לביתו און הויבט אן טאן עבודתו בקיום שליחותו בעולם.

דערפון איז אויך מובן, אז וויבאלד דער עיקר ענין פון "ויעקב הלך לדרכו" הויבט זיך אן נאך ששה בחשון (ווייל ביז דעמולט איז "כאילו..עסוקים בעניני הרגל"), דארף דעמולט זיין מעין דער באווארעניש פון שולל זיין דעם "קשה עלי פרידתכם"[16] וואס איז געווען לאחרי שמע"צ דורך "עכבו עוד יום אחד"[16].

ד. דער ענין (וואס איז גילטיק פאר אלע אידן בכל מקום שהם) דריקט זיך אויס נאכמער בגלוי בנוגע צו די אורחים וועלכע זיינען געקומען צופארן פון פארשידענע ערטער בכדי פראווען חג הסוכות (און אלע מועדים פון חודש תשרי) אין די ד' אמות (גשמיים) פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו[17]:

א חלק פון די אורחים זיינען צוריקגעפארן למקומם לאחרי שמע"צ ושמח"ת. אבער אעפ"כ, איז דער סיום וגמר הרגל אויך פאר זיי – דוקא בששה ושבעה בחשון, ווארום ביז דעמולט איז נאך "כאילו..עסוקים בעניני הרגל", ווייל אפילו אויב זיי זיינען בדרך (אדער אפילו שוין אנגעקומען למקומם) איז במקום שמחשבתו של אדם שם הוא נמצא. וכמשל כ"ק מו"ח אדמו"ר[18], אז וועגייענדיק פון די סעודה[19] ושמחה גדולה פון חודש תשרי, נעמט מען מיט די "שיריים"[20] וואס זיינען געבליבן פון דער סעודה (זייענדיק א סעודה בשלימותה, באופן פון די והותר), און מ'איז נהנה פון די שיריים

ס"ד

. . "שיריים" וואס זיינען געבליבן פון דער סעודה (זייענדיק א סעודה בשלימותה, באופן פון די והותר) . .

און נאך ששה בחשון, פאנגט זיך אן דער (עיקר) עבודה פון "ויעקב הלך לדרכו".

נאכמער בהדגשה ובגלוי שטייט עס בא די אורחים וועלכע האבן זיך ניט געאיילט אוועקפארן פון די ד' אמות און זיינען געבליבן ביז ששה בחשון, און וועלן דערנאך פארן למקומם (ניט אום שבת גערעדט) נאך ששה בחשון – זעט מען בא זיי בגלוי, אז ביז ששה בחשון איז נאך א המשך וסיום פון דעם רגל, "דומה להם כאילו הם עדיין..עסוקים בעניני הרגל", און ערשט דערנאך הויבט זיך בא זיי אן "ויעקב הלך לדרכו".

ה. דערפון איז מובן, אז אויך דער באווארעניש פון שלילת "(קשה עלי) פרידתכם" איז נוגע עוד יותר בנוגע צו די וואס זייער "פרידתכם" (נסיעה) בפועל וועט זיין ערשט נאך ששה בחשון (אע"פ וואס ששה בחשון הויבט זיך אן דער (עיקר) "פרידתכם" פון אלע אידן, אויך פון די וואס זיינען אוועקגעפארן פאר ששה בחשון).

ועוד ועיקר: אע"פ וואס מ'האט שוין לכאורה באווארנט דעם "קשה עלי פרידתכם" בשמע"צ (דורך "עכבו עוד יום אחד") – איז אבער וויבאלד אז בששה בחשון הויבט זיך אן דער אמת'ער "פרידתכם" (ווייל ביז דעמולט איז "כאילו..עסוקים בעניני הרגל"), ובפרט אז עס זיינען דא אזוינע אידן וואס בא זיי הויבט עס דעמולט אן בפועל – דארף מען עס דעמולט נאכאמאל (און נאך שטארקער) באווארענען, ווארום דער "פרידתכם" נאך ששה בחשון קען אויך "מעורר" זיין דעם "פרידתכם" נאן שמע"צ. ע"ד הכלל בהלכה[21] פון חוזר וניעור (בפרט בא מין במינו).

ומזה מובן, אז שטייענדיק בששה בחשון איז א זמן גרמא צו נאכאמאל (און נאך שטארקער) באווארענען דעם ענין פון "קשה עלי פרידתכם" – ניט נאר בנוגע צו די אידן וואס בא זיי שטייט עס בגלוי (ווייל זייער נסיעה מכאן וועט זיין נאך ששה בחשון), נאר ביי אלע אידן, כולל אויך די וועלכע זיינען שוין אוועקגעפארן.

און נאכמער – אויך די וואס בלייבן זיצן במקומם הם וואו זיי זיינען געווען במשך הרגל, ווארום אויך בא זיי הויבט זיך נאך ששה בחשון דער (עיקר) ענין פון "ויעקב הלך לדרכו" און "פרידתכם" – זיי "גייען אוועק" פון דער מצב נעלה ורוחני בשעת הרגל ובמשך גאנץ חודש תשרי, און אריין אין די עבודה פון עובדין דחול, "לדרכו", יעדערער צו זיינע וואכעדיקע ענינים, אין מאכן א דירה לו ית' בתחתונים.

ו. ווי באווארנט מען דעם "קשה עלי פרידתכם"? איז דאס פארשטאנדיק פון דעם דיוק הלשון עצמו: א) לכאורה האט געדארפט שטיין "קשה עלי פרידתנו", ניט "פרידתכם"? ב) וואס הייסט "קשה עלי" לגבי דעם אויבערשטן?!

איז דער ביאור בזה[22]: מצד דעם אויבערשטער איז ניטא קיין פירוד צווישן אים מיט אידן. נאר דער פירוד קומט מצד אידן ("פרידתכם") – מצד דעם וואס זיי פארן זיך פאנאנדער (נאך שמע"צ און בעיקר נאך ששה בחשון) כל אחד למקומו. וואס דאס לאזט אן ארט אויף פירוד צווישן אידן, וואס דאס ברענגט אויך א פירוד צווישן אידן מיטן אויבערשטן.

און אויף דעם זאגט דער אויבערשטער "קשה עלי" – ווארום "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים"[23], יראת שמים איז כביכול ניט

אין די "הענט" פון דעם אויבערשטן, נאר אפגעגעבן לבחירת האדם ("פרידתכם"), ס'איז תלוי אין אים אליין צו האבן יראת שמים, און די יראת שמים זאל מבטל זיין דעם "פרידתכם".

און אויף דעם גיט דער אויבערשטער די עצה "עכבו עוד יום אחד", וואס אין דעם "יום אחד" (שמע"צ) ווערן אידן נתאחד בתכלית השלימות, און עס ווערט נתגלה ווי זיי זיינען אן "אומה יחידה"[24] (ווי דאס דריקט זיך אויס אין הקרבת "פר אחד"[25] בשמע"צ), ביז אז די התאחדות גיט כח צו שולל זיין דעם "(קשה

. . און ~~נאך~~ **לאחרי** ששה בחשון, פאנגט זיך אן דער (עיקר) עבודה פון "ויעקב הלך לדרכו" . .

*ס"ה*

דערפון איז מובן, אז אויך ~~דער~~ **די** באווארעניש . .

. . אבער וויבאלד אז בששה בחשון הויבט זיך אן דער אמת'ער "פרידתכם" (ווייל ביז דעמולט איז "כאילו .. עסוקים בעניני הרגל") **- אין דער זעלבער זאך)** . .

. . זיי "גייען אוועק" פון דעם מצב נעלה ורוחני בשעת הרגל ובמשך גאנץ חודש תשרי, און "**גייען** אריין" אין די עבודה פון עובדין דחול, "לדרכו", יעדערער צו זיינע וואכעדיקע ענינים, אין ~~מ~~ מאכן א דירה לו ית' בתחתונים.

*ס"ו*

איז דער ביאור בזה: מצד דעם אויבערשטער איז **קיינמאל** ניטא קיין פירוד **ח"ו** צווישן אים מיט אידן. נאר דער פירוד ~~קומט מצד~~ **איז ח"ו צווישען** אידן ("פרידתכם") - מצד דעם וואס זיי פארן זיך פאנאנדער (נאך שמע"צ און ~~בעיקר~~ **-** נאך ששה בחשון) כל אחד למקומו, וואס דאס לאזט אן ארט אויף פירוד צווישן אידן, וואס דאס ברענגט אויך א פירוד **ח"ו** צווישן אידן מיטן אויבערשטן . . *[אצל סיום הפיסקא (אולי בקשר למילים "וואס דאס ברענגט") כתב:]* ~~**קען**~~

ווערט דער "ויעקב הלך לדרכו", כל אחד לדרכו, ווארום בא יעדער איד הערט זיך אן, אויך אין זיין עבודה פרטית ב"דרכו", ווי ער איז איין זאך מיט אלע אנדערע אידן (פון דער "אומה יחידה"), און זיין עבודה פרטית איז נוגע צו שלימות העבודה פון אלע אנדערע אידן. און אויך לאידך גיסא – אז לשלימות עבודתו דארף ער אנקומען צו די עבודה פון אלע אנדערע אידן. און דורך די התאחדות צווישן אידן – ווערן אידן אויך נתאחד (בגלוי) מיטן אויבערשטן – היפך פון "קשה עלי פרידתכם".

ובפשטות: אז אויך במשך כל השנה כולה ווען יעדער איד איז מקיים שליחותו הפרטית בעולם – איז ער זיך מתאחד מיט אנדערע אידן, הן ברוחניות, והן ובעיקר – בגשמיות, ובכללות – אין זיין עבודה בהשלשה עמודים שעליהם העולם עומד – תורה, עבודה (תפלה) וגמילות חסדים[26] (וואס זיי זיינען כולל כל התומ"צ) – אז ער טוט די אלע ענינים בציבור ובאחדות, מיט אנדערע אידן: שיעורי ... – וואס איז

און פון התאחדות ישראל בעניני תומ"צ, ווערט עס נמשך אין אלע אנדערע ענינים, אויך עניני רשות, "כל מעשיך יהיו לשם שמים"[29], און "בכל דרכיך דעהו"[30].

ז. ובפרטיות יותר:

בכדי שולל זיין בשלימות ובתכלית דעם "(קשה, עלי) פרידתכם" צווישן כללות בני ישראל – דארף יעדער איד לכל לראש אויפטאן העדר הפירוד ("פרידתכם") צווישן זיינע עשר כחות הנפש (עולם קטן זה האדם)[31]:

אמאל קען ווערן א מציאות פון "פרידתכם" בכחות הנפש של האדם – א פירוד בין שכל ומדות שלו (חב"ד און חג"ת), אז ער האט א פארשטאנד אין אלקות און אין דעם הכרח אויף עבודת ה', אבער דאס קומט ניט אראפ אין מדות שבלב (דער ענין פון קליפת עמלק[32]) אדער א פירוד בין שכל ומדות און מעשה בפועל (נה"י ומלכות)[33], ווי יעדערער פילט עס במוחש בא זיך.

ובפרט בשעת מ'האלט בא דער התחלה פון "ויעקב הלך לדרכו" (נאך ששה בחשון), ווען יעדער איד גייט אוועק פון דעם מצב נעלה בחודש תשרי און אריין אין זיין עבודה אין וואכעדיקע זאכן. גיט דאס א אפשריות אויף ברענגען א מצב פון "פרידתכם" בין כחות הנפש שלו – ווייל די גלייך גילטיקייט און ואלטקייט פון וועלט (עמלק) האבן אויף אים א השפעה אז עס זאל ווערן א פירוד בין מוחין למדות, ובין מעשה בפועל.

און בכדי באווארענען דעם "(קשה עלי) פרידתכם" בין עשר כחות נפשו – איז די עצה "עכבו עוד יום אחד", צוזאמענקלייבן און מאכן איין "ציבור" פון זיינע עשר כחות הנפש[34]. וואס דאס איז דורך דעם ענין והקדמה פון קבלת עול ויראת שמים, ביז אז דאס נעמט דורך כל כחות נפשו, אזוי אז יעדער כח ווערט נמשך וכלול אין די אנדערע כחות – פון מוחין אין מחשבה דיבור ומעשה, בלימוד התורה וקיום המצוות, תורת עבודה (תפלה) וגמ"ח.

און דורך די אחדות וציבור פון עשר כחות נפשו – ברענגט דאס[35] ~~(אדער דאס איז מוסיף אין) אחדות כללות בני ישראל. און~~ דורך דעם – אחדות צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן.

י. בכדי נאכמער פארשטארקן אחדות ישראל (שלילת "פרידתכם") און די פעולות אין תומ"צ בכלל (בפרט בציבור) – הן בכללות עם

ישראל, והן בכחות הנפש (עולם קטן זה האדם) – האט מען מציע געווען צוויי ענינים [ווי גערעדט בארוכה במשך חודש תשרי, ובפרט בשמח"ת], וואס זיינען כדאי ~~א~~עצטער נאכאמאל דערמאנען שטייענדיק איצטער בששה בחשון, ווען אלע אידן האלטן ביי אריבערגיין פון דעם מצב הרגל צו די עבודה פון "ויעקב הלך לדרכו", כאו"א במקומו ובעבודתו הפרטית:

. . ובפשטות: אז אויך במשך כל השנה כולה ווען יעדער איד איז מקיים שליחותו <u>הפרטית</u> בעולם - איז ער זיך מתאחד מיט אנדערע אידן . .

*ס"ז*

. . אדער א פירוד בין שכל ומדות און מעשה בפועל (נה"י ומלכות), **רוח וגוף)** . .

. . ווען יעדער איד גייט אוועק פון דעם מצב נעלה בחודש תשרי און **גייט** אריין אין זיין עבודה אין וואכעדיקע זאכן . .

. . ווייל די גליך גילטיקייט און **ק**אלטקייט פון וועלט (עמלק) האבן אויף אים א השפעה . .

. . איז די עצה "עכבו עוד יום אחד", צוזאמענקלייבן און מאכן **"אחד"** איין "ציבור" פון זיינע עשר כחות הנפש . .

. . דורך דעם - אחדות **בגלוי** צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן.

*ס"י*

. . וואס זיינען כדאי ~~אע~~**אי**צטער נאכאמאל דערמאנען . .

א) הקמת בתי חב"ד[36], בתי תורה, בתי תפלה ובתי גמ"ח וצדקה – בכל מקום ומקום וואו עס געפינען זיך אידן, ב) "עשה לך רב"[37]:

די אלע פעולות פון תומ"צ בציבור (וואס זיינען כלול אין די דריי עומדים פון תורה, עבודה וגמ"ח) און פעולת האחדות שעי"ז – זיינען שלא בערך שטארקער בשעת מ'איז דאס מקיים אין א בית קבוע וואס איז ספעציעל געווידמעט צו תפלה[38] (א בית הכנסת, "מקום[39] שמגדלין בו תפלה")*[39], אדער תורה (א בית המדרש, "מקום[39] שמגדלין בו תורה"), אדער צדקה, אזוי אז יעדער איד וואס געפינט זיך אין דער שכונה קען דארט אריינגיין לערנען תורה, מתפלל זיין, אדער געבן צדקה, אדער באקומען צדקה [צדקה גשמית (דארט נעבטיקן וכיו"ב) אדער צדקה רוחנית (אן עצה טובה וכיו"ב)]; ועאכו"כ א "בית משולש" וואס איז כולל אלע דריי זאכן צוזאמען, וואס דעמולט איז יעדערער פון די דריי קוים מוסיף אין די אנדערע[40].

ווי מ'זעט עס בפשטות[41]: א בית בכלל (מקיף הרחוק) איז מאחד די וואס געפינען זיך בתוכו בלי שום חילוק ביניהם[42], און אן אחדות באופן של קביעות והחיישבות – כידוע אז א בית, איז א דירת קבע און בהתיישבות. דערפון איז מובן, אז בשעת אידן האבן א בית קבוע בשכונתם ובעירם וואו מ'קען זיך צוזאמענקלייבן צו לערנען תורה, מתפלל זיין, געבן צדקה וגמ"ח – איז דאס זיי מאחד מיט אן אחדות קבוע[ה] אין א בית קבוע, וואס איז זיי מאחד שלא בערך שטארקער ווי בשעת מ'וואלט עס געטאן במקום ובאופן עראי. נוסף להפשוט, אז בשעת די אידן ווייסן אז זיי האבן א בית קבוע וואו מ'קען אלעמאל אריינגיין לערנען תורה, מתפלל זיין אדער געבן צדקה (אדער כולם יחד) – פועל'ט דאס אליין אן אחדות קבוע[ה] צווישן די אידן.

וואס דאס איז דער תוכן כללי פון א "בית חב"ד": די ג' מוחין חב"ד (חכמה בינה דעת) זיינען די שלשה קוים, קו הימין, קו השמאל וקו האמצעי – כנגד תורה (קו האמצעי), תפלה (קו השמאל) וגמ"ח (קו הימין). און א "בית חב"ד" מיינט אז די שלשה קוים זיינען אין א בית קבוע באופן של התיישבות[43]. ובפשטות: א בית קבוע, א "בית משולש" (בית תורה, בית תפלה ובית צדקה וגמ"ח) וואס מ'שטעלט אויף בכל מקום ומקום וואו עס געפינען זיך אידן – בכדי באלייכטן ("נרות להאיר") און משפיע זיין אויף דעם גאנצן ארום אין תורה ומצוות און אידישקייט[בכלל].

. . מיט אן אחדות קבוע**ה** אין א בית קבוע . .

. . פועל'ט דאס אליין אן אחדות קבוע**ה** צווישן די אידן . .

. . בכדי באלייכטן ("נרות להאיר") און משפיע זיין אויף דעם גאנצן ארום אין תורה ומצוות און אידישקייט: **בכלל.**

ובאופן אז די עבודה אין די שלשה קוים איז דורכגענומען מיט דעם אור פון פנימיות התורה (נשמתא דאורייתא), הפצת המעינות חוצה, כפי שנתגלתה בתורת חסידות חב"ד, באופן פון "יתפרנסון"[44] מיני' – וואס דאס גיט אריין א פנימיות אין די עבודה ואחדות בג' קוים אלו[45].

יא. בכדי מצליח זיין כדבעי אין אחדות כללות עם ישראל ע"י הקמת בתי חב"ד, דארף יעדער איד אליין ווערן א (דוגמא חי' לזה – א) "בית חב"ד" (בעיר קטנה[46] זה הגוף[47]), ד.ה. אז חב"ד שבנפשו (וכל עשר כחות שלו) ווערט נתאחד אין אן אופן פון א "בית"[48], דירת קבע:

כשם ווי א בית (קבוע) כפשוטו טוט אויף אן אחדות קבוע, אזוי דארף אויך זיין אין דער "עיר קטנה" פון דעם מענטשן – אז די אחדות פון אלע זיינע כחות הנפש (כנ"ל ס"ע) דארף זיין (ניט באופן עראי, נאר) באופן קבוע, אזוי אז ער בויט אויף א "בית"[49] פון אלע זיינע עשר כחות הנפש ביחד – אנהויבנדיק פון חב"ד שבנפשו[50], און פון חב"ד ((אמות ומקור המדות[51], וכל העשר כחות) ווערט עס נמשך אין די חג"ת (מדות) און נה"י, מחשבה דיבור ומעשה, אזוי אז ער ווערט אליין א "נר להאיר", ובדרך ממילא קען ער משפיע זין און באלייכטן און אנצינדן אנדערע "נרות".

און פון דעם "בית חב"ד" בכחות נפשו – ווערט עס נתפשט (במובן יותר רחב) אין ביתו כפשוטו[52], אז זיין הויז ווערט א "בית חב"ד". ובפשטות: א בית וואס איז מיוסד און דורכגענומען מיט תומ"צ און אידישקייט (דורכגענומען מיט דעם אור פון פנימיות התורה), וואו מ'זעט בגלוי דעם "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם – בתוך כאו"א", אזוי אז עס ווערט א "בית ועד לחכמים"[53], ובית תפלה ובית צדקה וגמ"ח – אז פון דעם בית קומט ארויס א התעוררות צו אלע מענטשן און בתים ארום אין די שלשה קוים פון תורה תפלה וגמ"ח.

און דורך דעם (וואס מ'איז אליין א "בית חב"ד", און די אייגענע שטוב איז א "בית חב"ד") – ווערט א סך לייכטער צו אויפשטעלן אין דער שכונה און שטאט א "בית חב"ד הכללי. ועד"ז לאידך גיסא: דער "בית חב"ד" כללי גיט כח צו די עבודה פון מאכן א "בית חב"ד" פון דעם אייגענעם שטוב און די אייגענע עשר כחות.

ביז אז דאס גיט נאכמער כח אז דער גאנצער ארום (אויך מחוץ העולם קטן זה האדם, ומהוץ לבית הפרטי ומחוץ לבית חב"ד הכללי) ווערט א "בית חב"ד" – א דירה (דירת קבע[54]) לו ית' בתחתונים[64*], א דירה לעצמותו ית'[55], דורך די עבודה פון כאו"א בחלקו בעולם. "ויעקב הלך לדרכו" (וואס הויבט זיך אן בעיקר נאך ששה בחשון).

*סי"א*

בכדי מצליח זיין כדבעי*) אין אחדות כללות עם ישראל ע"י הקמת בתי חב"ד . .

. . כשם ווי א בית (קבוע) כפשוטו טוט אויף אן אחדות קבוע**ה** . .

. . אחדות פון אלע זיינע כחות הנפש (כנ"ל ס" ) . . *[סימן למלא ציון הסעיף]*

. . ובפשטות: א בית וואס איז מיוסד און דורכגענומען מיט תומ"צ און אידישקייט (דורכגענומען **אויך** מיט דעם אור פון פנימיות התורה) . .

. . לאידך גיסא: דער "בית חב"ד" כללי גיט כח צו די עבודה פון מאכן א "בית חב"ד" פון דע~~ם~~**ר** אייגענע~~ם~~**ר** שטוב און די אייגענע עשר כחות . .

. . ומחו~~ה~~**ץ** לבית הפרטי ומחוץ לבית חב"ד הכללי) . .

יב. דערביי קען נאך אבער בלייבן א שוועריקייט:

עס קומט ניט אלעמאל אן אזוי גרינג צו פועל'ן אחדות (שלילת "פרידתכם") בעשר כחות הנפש, ועד"ז בביתו ובסביבתו (ע"י הקמת "בית חב"ד"). ווארום ער האט דאך א נפש הבהמית ויצה"ר וואס (בחי' עמלק שבו) וואס שטערט דערצו. ובפרט ווען מ'האלט בא יורד זיין פון דעם מצב נעלה במשך חודש תשרי אין די עובדין דחול פון "ויעקב הלך לדרכו", ווען ס'איז שטארק מעגלעך אז די ירידה זאל אויף אים פועל'ן א פירוד בכחות נפשו, בין מוחין ומדות כו'. ביז אז אפילו דער אויבערשטער זאגט "קשה עלי פרידתכם".

און אמת טאקע – דורך די הקדמה פון קבלת עול ויראת שמים קען ער באווארענען דעם "פרידתכם" (כנ"ל ס"), אבער קב"ע ויר"ש גופא איז ניט א לייכטע עבודה!

אויף דעם האט מען די עצה פון א דבר משנה[56] – "עשה לך רב", נעם צו זיך א צווייטן אידן, א רב: נוסף אויף דעם עצם ענין אז בשעת צוויי אידן טרעפן זיך איז דאס צוויי נפש האלקית אויף איין נפש הבהמית[57] (כפתגם אדמו"ר האמצעי[58]), במילא העלפט דאס יענעם איינקערן זיך מיט זיין נה"ב – קומט אין דעם צו, אז דער צווייטער איז א "רב", אזא וואס איז גדול ממנו (בחכמת התורה ונסיון בפועל וכיו"ב)[59], און קען אים ארויסהעלפן מיט אים געבן אן עצה טובה ועידוד כו' בעבודתו ויראת שמים שלו, והמשכת מוחין במדות ובמחשבה דיבור ומעשה וכו'.

ובדיוק לשון המשנה – "עשה לך רב":

"עשה": דער עצם ענין פון מקבל זיין א רב אויף זיך דארף זיין באופן פון "עשה", "לשון עשי' יאמר על דבר שצריך לטורח ולעשות על ידו"[60], ביז עשי' מלשון כפי'[61]. ד.ה. אז דאס איז ניט באופן פון "בחר" (וכיו"ב), אז דער נה"ב האט אין דעם אויך א דיעה און איז צופרידן מיט דעם רב, ווייל דאס באווייזט וואס פאר א רב מ'האט זיך אויסגעקליבן – אזא מיט וועמען דער נה"ב איז צופידן, ווארום יענער וועט אים ניט מגביל זיין פון טאן כפי רצונו... נאר דאס דארף זיין באופן פון "עשה", אז ער איז דערמיט כופה דעם נה"ב.

*סי"ב*

. . ווארום ער האט דאך א נפש הבהמית ויצה"ר וואס (בחי' עמלק שבו) ~~וואס~~ שטערט דערצו. ובפרט ווען מ'האלט בא יורד זיין פון דעם מצב נעלה במשך חודש תשרי אין די עובדין <u>דחול</u> פון "ויעקב הלך לדרכו", ווען ס'איז ~~שטארק~~ מעגלעך אז די ירידה זאל אויף אים פועלן א פירוד בכחות נפשו . .

. . קען ער באווארענען דעם "פרידתכם" (כנ"ל ס" ) . . *[סימן למלא ציון הסעיף]*

. . נעם צו זיך א צווייטן אידן, **אלס** א רב: . .

. . צופרידן . . *[סימן לתקן סדר האותיות]*

"לך": א) דאס קומט טאקע באופן של "עשה" (כפי'), אבער "לך", לרצונך. ב) ער ווערט דיין רב. ניט "עשה רב" פאר א צווייטן, אער דו – אליין דרייסט זיך דערפון ארויס, נאר "עשה לך רב". ביז אין אן אופן פון "לך – לפנימיותך"*[61].

"רב": "תקבלהו עליך לרב", לסמוך על דבריו[62] און מקיים זיין וואס ער הייסט דיר.

ואין לומר אז ער קען זיך ניט געפינען א "רב" המתאים לו – ווייל היות אז דאס איז א ציווי אין א משנה[63] בתורת ה', תורת אמת, איז דא דער כלל אז "איני מבקש כו' אלא לפי כחן", און זיכער איז דאס א "רב" המתאים לו, און ניט ערגעץ-וואו בעולם (וואס דעמולט איז דאס ווייטער אינו לפי כחו), נאר "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו"[64].

און דורך קיום הדבר משנה, מיט די תנאים הנ"ל – וועט עס זיכער ארויסהעלפן יעדער אידן אין איינקערן זיך מיט זיין נה"ב און אין עבודתו בכלל, ובמיוחד – די עבודה פון אחדות עשר כחות נפשו, ואחדות בביתו ובשכונתו ובכל העולם כולו – דורך אויפמאכן א "בית חב"ד" אין די אלע ענינים, כנ"ל.

יג. און דורך דעם וואס עס וועט זיין "תמים תהי' עם ה' אלקיך"[65], תמים בכל עשר כחות שלו ובכל רמ"ח אברים וכו'[66], דורכגענומען מיט "תורה תמימה", נגלה דתורה ופנימיות התורה (חב"ד), און מ'פועלט אויך אז אין דעם אייגענעם בית ושכונה ועיר וכו' זאל זיין באופן של תמימות, דורך הקמת "בית" חב"ד", וואס וועט משפיע זיין אז אויך אנדערע אידן זאלן שטיין באופן פון "תמים תהי'" –

וועט דאס נאכמער צואיילן די גאולה תמימה, גאולה שאין אחרי' גלות[67], וביהמ"ק תמים, בית שלישי, דער "בית חב"ד" העיקרי[68], שיבנה במהרה בימינו ממש.

. . און דורך קיום הדבר משנה, מיט די תנאים הנ״ל - וועט עס זיכער ארויסהעלפן יעדער אידן אין איינקערן זיך מיט זיין נה״ב און אין עבודתו בכלל . .

לזכות

כ״ק אדמו״ר שליט״א